**א כתיבה וחתימה טובה אלע אידן.** איינער וואס זעט היינט דעם גבאי פונעם סטראפקאווער בית מדרש אין ירושלים וואלט קיינמאל נישט געחלמ'ט אז דער איד האט אמאל געטראגן די קלייד פון א גלח. דער איד, וואס הייסט היינט "אהרן" קאלדערון (זיין עכטע נאמען) אין געבוירן געווארן אין ארגענטינה צו א קאטולישער משפחה. ווען "אהרן" (ער האט דעמאלט געהייסן "הורהעי") איז געווען בערך זיבעצען יאר אלט, האט ער זיך מיישב געווען אז ער וויל זיין א גלח.

בקיצור, האט "הורהעי" געמאכט דעם "נדר" צו ווערן א גלח און גלייך דערנאך איז ער טאקע געגאנגען וואוינען אין א מאנאסטיר. איין טאג איז ער געגאנגען צום לייברעירי פונעם מאנאסטיר און ער האט געטראפן דארט א ספר וואס האט אויסגעקוקט זייער אינטערעסאנט צו אים, עס איז געווען א הגדה אין לשון הקודש און אין ספאניש, להבדיל. ער האט געליינט די גאנצע הגדה מיט גרויס דארשט, ווייל ער איז אינטערעסירט געווען צו זען דעם מקור פון זיין רעליגיע, להבדיל. ער איז נשתומם געווארן ווען ער האט געענדיגט ליינען די הגדה מיט די ווערטער "לשנה הבאה בירושלים."

פאר אים איז עס א פלא געווען אז אידן נאכאלץ אין דעם היינטיגען טאג, צוויי טויזענט יאר שפעטער נאכן חורבן, בעטען זיך צוריקצוגיין צום הייליגן לאנד. אלץ א גלח האט ער קיינמאל נישט געהערט וועגן אידישקייט.

א שטיק צייט שפעטער איז ער אריינגעקומען צום לייברעירי אין קלויסטער און ער האט געטראפן דעם הויפט גלח אריינקוקנדיג אין א תנ"ך אין לשון הקודש. ער איז איבערראשט געווארן צו זען די שיינע אותיות. פלוצלינג איז ער איבערגענומען געווארן מיט גרויס נייגעריגקייט צו קענען לערנען די שפראך כדי צו קענען ליינען די ווערטער פונעם תנ"ך אין לשון הקודש.

באלד דערנאך איז ער אוועקגעגאנגען פונעם קלויסטער און אהיימגעפארן צו נעמען א צוויי–יאר לאנג הפסקה פון זיין "עבודה" אלס גלח. ער איז געווארן א "נורס" און ער האט געארבעט אין א שפיטאל. וויבאלד אז ער האט זיך דעמאלט געטראפן אין דעם גרויסען שטאט בוינאס איירעס (ארגענטינה) האט ער געזוכט אידן וואס זענען גרייט געווען אים אויסצולערנען לשון הקודש.

ער האט געטראפן א "עברית" קלאס אין א רעפארמע שול, און דארט האט ער אנגעפאנגען צו לערנען די שפראך. צוביסלעך איז ער אנגעווארעמט געווארן צו אידישקייט, אפילו די רעפארמע זענען אזוי שוואך, וכו'. ער האט אנגעפאנגען צו גיין אפילו שבת אין יענע רעפארמע "שול," אפילו אז זונטאג איז ער נאכאלס געגאנגען צו זיין תפלה.

איין שבת אינדערפרי, איז ער שטארק נתעורר געווארן פון די ווערטער פון קידוש "ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת לדרתם ברית עולם. ביני ובין בני ישראל אות הוא לעולם..." די ווערטער "אות הוא לעולם," האבן אים שטארק באנומען. ער האט געטראכט, "אויב דער באשעפער האט אזוי געזאגט צו די אידישע קינדער, אז דער זיבעטן טאג שבת וועט זיין א סימן אויף אייביג, דעמאלט פארוואס האבן די קאטויליקן ימ"ש געטוישט דעם 'הייליגען טאג' (להבדיל) צו זונטאג? אויב דער באשעפער האט אזוי קובע געווען אין די תורה, דאס איז עס! דער הייליגע טאג בלייבט דעם זיבעטן טאג, ד"ה שבת און נישט זונטאג!" נאכדעם האט ער אנגעפאנגען אפצופרעגן די אנדערע שטות'עם וואס די קאטוילישע האבן אים פארקויפט.

באלד דערנאך איז ער געגאנגען צום רעפארמע שול זיך צו מגייר זיין. אבער, יענע שול האט זיך פארמאכט וועגן געלט פראבלעמען. דערנאך איז ער געגאנגען צו חב"ד. אזוי ווי די הלכה איז, האט דער חב"ד שליח דארט פרובירט אים אפצורעדן פון ווערן א איד. אבער דאס האט אים נאר מער געצויגן צו וועלן ווערן א איד.

ער האט זיך אפגעמאכט אין זיין הארץ אז ער וויל פארן קיין ארץ ישראל זיך צו מגייר זיין ווי עס דארף צו זיין. אבער איין פראבלעם איז געבליבן, די אלטע שאלה פון "כסף מנלן," פון וואו זאל ער פארשאפן די געלט, עס האט געקאסט $1200 צו קויפן א טיקעט קיין ארץ ישראל, און ער האט נישט געהאט אסאך געלט אין דעם באנק. און אלס נורס האט ער נאר פארדינט $200 א חודש, און ער האט געהאט הוצאות, למשל זיין דירה, וכו'. פארשטייט זיך אז זיינע עלטערן האבן נישט געוואלט געבן גארנישט צו אים, ווייל זיי זענען געווען אלע גרויסע אנטי–סעמיטן.

באלד דערנאך, האט ער געזען אן אדווערטייזמענט פאר א "ראפעל" אין זיין שטאט. דער "פרייז" איז געווען א נייע קאר. ער האט געקויפט א טיקעט און, הפלא ופלא... ער האט געוואונען דעם קאר! ער האט שנעל פארקויפט דעם קאר און דערנאך איז ער געווען אויפן וועג קיין ארץ ישראל. דארט האט ער אנגעפאנגען צו לערנען אין א פראגראם פאר גוים וואס וועלן זיך מגייר זיין, אבער יענע פראגראם האט זיך פארמאכט א שטיק צייט נאכדעם. ער האט אבער זיך נישט אויפגעגעבן, ער האט געזוכט נאך א פראגראם וואס וועט אים העלפן ווערן א איד.

נאך אפאר יאר האט ער זיך מגייר געווען כהלכה. נאכדעם האט ער חתונה געהאט און ב"ה עטליכע קינדער געהאט. ער איז היינט דער שמש פונעם סטראפקאווער בית מדרש אין ירושלים. (אונז האבן פארשאפן א בילד פון אים)

דער מעשה רעדט פאר זיך. אויב א גוי וואס איז געווען איינגעזונקען אין טומאה, קען זיך מטהר זיין און ווערן א איד, איז דאס א גרויסע חיזוק פאר אונז וואס זענען געבוירן אידן. לאמיר אלע אריינכאפן און תשובה טון אינעם טאג פונעם גרויסען משפט. **גוט יום אלע אידן.**

**לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של ר' נתן בן רבקה, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים

לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל. לע"נ ר' אברהם בן ר' יששכר דוב ע"ה

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**מבצע חדש לשנה החדשה: נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש: לייג צוריק די ספרים!**